STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04347

# MAYN GAS IZ IN FENER

Hadasa Rubin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הדסה רובין

# מיין גאַס איז אין פענער

ייִדיש בוך

פארלאג „יידיש בוך“ ווארשע 1953

HADASA RUBIN

# MOJA ULICA WE FLAGACH

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספארד

Okładkę projektował: I. REJZMAN
הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

*Printed in Poland*

**Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1953 r.**

Nakład 5.600 egz. Ark. druk. 3,5 Ark. wyd. 2 Papier druk. mat. V kl. 61x86 cm. 80 gr.
Druk ukończono w sierpniu 1953 r.
Druk. RSW „Prasa" W-wa, ul. Tarczyńska 8. Zam. 699 4-B-31448

# פֿונוואַנען קומט די פֿרייד צו מיר...

פֿונוואַנען קומט די פֿרייד צו מיר
אַזאַ לויטערע און שטילע,
פֿונוואַנען קומען זיי צו מיר,
די פֿריידיקע געפֿילן? —

פֿונוואַנען קומט די פֿרייד צו מיר,
ווען ס'טוט אַ פֿרעמדער גוט אַ שמייכל, —
ווי פֿרעמד ער זאָל נישט זיין צו מיר ,
זי קומט די פֿרייד, מיט ימים ווייכקייט.

אויף יעדן פֿריינדלעך וואָרט כ'פֿאַרמאָג
אַן אוצר וואַרעמקייט און גוטסקייט,
און ס'דאַכט זיך מיר, — מיין גוטער זאָג
העלפֿט עמעצן, איז זייער נוצלעך.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך וויל, ס'זאָל גליקלעך זיין די וועלט —
נישטאָ פֿאַר מיר קיין פֿרעמדע טרערן.
ווען כ'שעם זיך נישט, כ'וואָלט מענטשן אָפּגעשטעלט
מיט הייסער טרייסט: די וועלט וועט שענער ווערן!

1932

# צו מײַנע ביכער

ביכער — אין שאַפֿקע, לעם בעט, אויפֿן פֿענצטער —
איר זײַט מיר ווי שוועסטער, איר זײַט ווי געשוויסטער.

בײַנאַכט, ווען זיי קומען מיט שׂנאה מיך וועקן,
ווערט יעדעס פֿון אײַך אַ געפֿאַר און אַ שרעק מיר,

עס זאָלן די זײַטלעך, צעדרישט, נישט „פֿאַרשיטן",
ווער ס'האָט זיי געמישט דאָ מיט פֿינגער געניטע.

ווען ס'וועלן אַ ריס טאָן אײַך אויגן, פֿאַרסליניעט
מיט טעמפּקייט פֿון קנעכט, אָן געדאַנק און מיט שׂנאה,

איר זאָלט נישט דערציילן אין בײַזע בײַנאַכטן,
פֿון וואָס כ'האָב געטראַכט און צו וואָס כ'האָב דערטראַכט זיך.

ביכער — אין שאַפֿקע, לעם בעט. אויפֿן פֿענצטער —
איר זײַט מיר ווי שוועסטער, איר זײַט ווי געשוויסטער.

1937

# רעוויזיע

שרעק האָט אָנגעקלאַפּט אין שויב.
אַ נאַכטיקע שעה האָט דערוואַכט
און אויפגעוועקט די גאַנצע נאַכט.

אומרו האָט ניכטער געגעבן אַ נאָג.
אין אונדזער שטוב איז געוואָרן בייטאָג.

ביי לאָמפּ־שיין, ביים גלאַנץ פון שטאָל
האָב איך אַזוי פיל הערהזען מיטאַמאָל;

גרויער פון האָר קען זיין גרוי א געזיכט,
ווען דערשראָקענערהייט צעלויפט זיך דאָס ליכט;

ווען ס׳צעלויפט זיך דאָס ליכט מיט אַ שטילן געוואַלד,
קאָנסטו דערזען, ווי אַ מאַמע ווערט אַלט.

אויב ס׳איז נישט באַפאַלן קיין רויבער דיין הויז,
ווייסט נישט, ווי גרויס ס׳קאָן זיין שנאה, ווי גרויס.

אויב האָסט נישט געזען דיין ברודער אין קייטן,
קאָנסטו נישט וויסן, ווי גרויס ס׳קאָן זיין ווייטיק.

מענטשן געקומען, גאָרנישט געבראַכט,
און צוגענומען אַ קינד אין דער נאַכט.

1937

# קראַטעס

באַגינען
שטייען זיי אייזערנע, שלעכטע און דינע —
קראַטעס,
פֿאַרשאָלטענע קראַטעס,
צעקעסטלען אויף שטיקלעך די הימלישע שמאַטע:
אַ קעסטעלע בלויקייט,
אַ קעסטעלע מויער,
אַ קעסטעלע בענקשאַפֿט,
און שעם זיך נישט — טרויער.

שפּעטער,
ווען ס'דראַפּעט זיך שיין איבער פֿענצטערשן לייטער,
פֿאַלן די קראַטעס אַריין אין מיין קאַמער
אין מאָדנע פּירעקן,
אין פֿלעקן, אין פֿלאַמען —
פֿון פֿענצטער אויף טישן,
פֿון טיש אויף געלעגער,
דערנאָך ערשט צום געטשל, וואָס הענגט, ווי געפּגרט.

נאָר ביינאַכט
פֿיל איך, די קראַטעס, ווי איך זענען וואַך.
און ס'האַט זיך מיר אויס, איך זע מיידלשע בליקן
אויף קראַטעס ווי פֿאַרהענגלעך וויגן זיך, וויגן,
און ציען זיך אויס צו די בלויִלעכע שיינען —
צעבענקטע, פֿאַרעקשנטע חברטעס מיינע —
און ס'ווערן די קראַטעס אין נאַכט אַזאַ שווערער
נאָענט, אַ, נאָענט, ווי יענע חברים.

1937

# אַ חלום

— נישט שלאָגן — נישט שלאָגן! — נישט שלאָגן!
האַ? — וואָס? —
עס קוויטשקעט זיך טריב אַ פּאַרטאָגעכץ
דורך גלאָז.

אין קאַמער איז דרימלדיק, נאַכטיק —
אומפאַרשעמט —
ס'כאַפּט עמעץ זיך אויף מיט אַ לאַכן;
עמעציער וויינט:
נישט שלאָגן.

אַ שוידער נעמט דורך ווי אַ קוויטש
און בלייבט שטעקן
אין לייבער, פון שלאָפן פאַרשוויצט,
אין ברוסטן אויפגעדעקטע —
נישט שלאָגן!

דאָס ליכט ווערט ווייסער און גרעבער.
די קאַמער שטיל און ווייט.
ס'האָט זיך עמעצן געחלומט, נעבעך,
אַז מע שרייט.
מע שרייט!

1938

# אַ זעונג

דו קוקסט אויף מיר דורך אייזערנע שטאַכעטן,
און דיינע אויגן פינטלען מאָדנע גיך.
זעסט, טאַטעניו, ביים פענצטערל ביים צווייטן
שטייען קינדער, אַזעלכע ווי איך.

וויינסט טאַטעניו, און איך, איך שמייכל.
די גרינע היטערקע באַקוקט מיך האַרט.
זאָגסט, טאַטעניו, איך בין געוואָרן בלייכער —
ס'קאָן זיין, נאַר ווייסט אַליין, אַז איך בין שטאַרק.

די מאַמע וויינט, מיין מאַמינקע, מיין בעסטע.
ס'איז טאָג קיין טאָג, און נאַכט איז נישט קיין נאַכט.
אָ, כ'ווייס, געבליבן זענען שוועסטער
און פענצטער אייזערנע — אַ סך, אַ סך...

מיט וואָס זאָל איך דיך, טאַטעניו, איצט טרייסטן? —
דו זאָגסט, אַז האָסט פאַרשפילט דיין לעצטן קאָן.
איך בין געגאַן, ווייל מיין פאַרטיי האָט מיר געהייסן,
און זיי, די שוועסטער, וועלן אויכעט אַזוי טאָן.

ווען פרחוסט עס, טאַטעניו, פאַרשטיין אַ ביסל,
אַ ביסל צו באַגרייפן אונדזער זאַך,
וואָלטן הימישער געקלונגען דיר די שליסלען,
און איך וואָלט פריידיקער געזעסן דאָ פאַרמאַכט.

איך וויל פון דיר איצט, טאַטינקע, נאַר איינס!
דו זאָלסט פאַרשטיין, ווי ליב ביסט מיר און טייער.
איך שטיי און שמייכל דאָ, דו שטייסט און וויינסט.
ווי גרויס וועט זיין די שטראָף, ווי הייליק ס'זיין דאָס פייער!

1938

# אַ בריוו

בענקען הייסט דען ליבע? —
נאָר נאָך אַ טויטן טאָר מען נישט בענקען.
פון קאַמער נומער זיבן
שרייבסטו צו מיר, אַז איך זאָל דיך געדענקען.

*

ביי אונדז אויפן הויף איז שוין וועסנע,
נאָר כ'בין נאָך מיט איר פונדערווייטנס,
כ'קאָן דיר שרייבן, אַז כ'האָב נישט פאַרגעסן.
כ'קאָן דיר שרייבן מיט בליקן אויף קראַטעס.

*

ס'ווינט אַ פייגעלע איבער מיין פענצטער.
און דער הימל איז בלוי פונעם הענגען.
שרייב מיר, טייערע, אָן — אפשר קאָנסטו —
וואָס כ'זאָל טאָן מיט מיין בענקען.

1937

# בלומען אויף מײַן גאַנעק...

בלומען אויף מײַן גאַנעק,
מײַנע שײנע בלומען, —
צעבליט זיך נישט ביז װאַנען
איך װעל קומען, קומען...

זילבערנע בערעזקע,
זילבער־גרין באַמעליקט,
איך באַשװער דיך בײַ דער סטעזשקע,
װאַקס אָן מיר פֿאַמעלעך...

ייִנגל מײַנער, האַרציקער,
דו בעסטער צװישן מענער,
האַלט אײן לאַקן שװאַרציקע,
איך זאָל דיך נאָך דערקענען...

בלומען! — נײן, איך שפּאַס נאָר,
בערעזקע, גרין זיך פֿרײדיק.
צעװאַקסט זיך איבער גאַסן,
צעבליט געזונטערהײט זיך!

און דו, מײַן יונג, נישט טרױער,
דו װײסט, ס׳איז קאַמף קײן שפּיל נישט.
דו גרױ, און איך נאָך גרױער —
מיר װעלן זיך דערפֿילן!

1938

# אַ ליד

כ'מאַך מיר פֿון וועסנע אַ שנירעלע קרעלן<br>און טו עס מיר אָן אויפֿן האַלדז.<br>פֿאַר מיר איז דער הימל אַ זילבערנער טעלער,<br>פֿאַר מיר איז די זון אַ מאַראַנץ.

כ'וועל אויסשטרעקן אָרעמס און פּרוּוון דערלאַנגען<br>מיט באָרוועסע הענט, מיט אַ נאַקעט געזיכט. —<br>עס איז אַזוי שיין דער אָנשיכיקער טאַנגאָ<br>פֿון ווינט איבער גראָז און פֿון שפּרענקעלעך ליכט!

*

נעם מיך אַרום, נאָר דערשווייג, נאָר דערשמייכל,<br>נאָר דערזאָג נישט דעם פֿערז פֿון דיין האַרציקן ליד. —

וועסנע־צייט ווערן די קראַטעס נישט ווייכער;<br>וועסנע־צייט בליִען דאָ לאַגען מיט בלוט.

1938

# איך און די לבנה

דו קוקסט צו מיר אַריין דורך קראַטעס,
איך קוק צו דיר אַרויס דורך קראַטעס —
ווער איז פון אונדז געפאַנגען מער?

איך זע דיך שטיין אין בלויען גענעץ,
און דו, דו זעסט דאָ אינעווייניק
אַ וואַנט, אַ צלם און אַ טיר.

יאָ, ביסט געקומען זיך באַרימען,
אַז קאָנסט אין ווייכער ווייטקייט רינען,
אַז קאָנסט זיך אויסלאָזן אין שוים.

כאָטש שטעקסט אין הויכן, בלויען גאָרנישט --
כ׳בין דיר קיין חברטע, קיין פּאָר נישט, —
ס׳שוועבסט העכער, איבער דיר, מיין טרוים.

ווען דו פאַרגייסט אין שוים און ווערסט נישט,
ווען קיינער זעט דיך נישט און הערט נישט, —
גייט אויף מיין טרוים, — אין בלוט, אין פרייד.

מיר וועלן זיך נאָך טרעפן ביידע.
און דו אַליין וועסט זיין אַן עדות,
ווי טוי וועט פאַלן רויטערהייט.

איצט שטיי אַנטקעגן מיר און רייץ זיך,
כ׳דריי אויס צו דיר מיין פּלייצע,
צו דיין שלעפעריקער פּראַכט.

שטיל, זאָל מיין חברטע נישט וויסן,
אַז בענקען איז געווען אין תפיסה
אין אַ לבנהדיקער נאַכט.

# מיר וועלן נאָך קומען

(נאָכן פאַלן פון באַרצעלאָנע).

מיר וועלן נאָך קומען.
די פויסט איינגעהויך און ווי פויסטן די ווערטער:
מ י ר   וו ע ל ן   נ אָ ך   ק ו מ ע ן!

וווהין וועט איר קומען?
פאַרסמט איז דאָס וואַסער פון אייערע ברונעמס,
פאַרוויסנעט דאָס גראָז פון די פעלדער און גערטנער.
וווהין וועט איר קומען?

מיר וועלן נאָך קומען.
מיר וועלן נאָך קומען
באַהויכן מיט זיג און מיט טרייסט די אָרומען.
פון בערלין און פון טאָקיאָ,
פון רוים און פון וואַרשע,
מיט שווערע, מיט רויטע, מיט אייזערנע מאַרשן.
מיר וועלן נאָך קומען מיט לעבנס ווי פאַקלען,
מיט לעבנס אָן וואַקלונג,
אָן וואַקלונג,
אָן וואַקלונג!

מיר וועלן נאָך קומען.
ראָטפראָנט, באַרצעלאָנע!
ראָטפראָנט הייסט אַן אָנזאָג. ראָטפראָנט הייסט — אַ בשורה.
זיי וועלן נאָך זיין, ס'וועלן זיין באַטאַליאָנען
ביז וואַנען ס'וועט קלאַפּן דאָס האַרץ — אונדזער פירער.

מיר וועלן נאָך קומען.
די פויסט איינגעהויך, כאָטש די האַנט איז אין קייטן,
און בליקן פון ווייטיק, ווי ציינער, פאַרקריצטע.
מיר וועלן נאָך קומען, ס'זאָל ווידער אונדז ווי טאָן,
און ווידער אויף שלאַכטפעלדער קרייצן דעם איצטער.
מיר וועלן נאָך קומען פאַר בלוט און פאַר טרערן.
מיר וועלן נאָך קומען.
ראָטפראָנט הייסט: מ י ר   ש וו ע ר ן!

(אין תפיסה.)

## מיין שבועה

אַזאַ האַרץ קאָן אויפהערן פילן?
אַזאַ מוח קאָן אויפהערן טראַכטן? —

שטרענג אָן דעם אײַזערנעם ווילן,
עפן דײַן אויג דאָס פאַרמאַכטע

און באַריר מיט אַ בליק נאָר מײַן שטערן,
פון ווײַטיק און שווידער צעהיצטן;
איך וויל, חבר סטאַלין, דיר שווערן,
איך שווער, חבר סטאַלין, דיר איצטער:

דאָס לעבן ביז לעצט־לעצטן אָטעם,
מײַן לאַנד איך וועל געבן צושטײַער
און זײַן פאַר די פינצטערע שאָטנס
אַ פונק פון דײַן הייליקן פײַער.

וווּהין מײַן פּאַרטיי וועט מיך שטעלן,
כ׳וועל זײַן ווי אַ פאַקל און ברענען.
די פרײַנד און די שונאים זיי וועלן
דײַן וואָרט אין מײַן לעבן דערקענען.

# אונדזער באָבע

אונדזער באָבע קאָן נישט שרייבן און נישט לייענען.
אונדזער באָבע האָט געקענט ברויט און בייגל לייטן.
זי פלעגט קאַיאָרן טרילן צווישן שכנים,
אויף לעבעדיק זויערטייג קאַיאָרן בייטן —
פאַרשלאָפענע אַזוינע, נישט קיין שיינע.
און וויינען פלעגט די באָבע, וויינען...

אונדזער באָבע קאָן נישט שרייבן און נישט לייענען;
מיט קיין באַן נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן.
פלעגט אויף פסחן צעטיילן יאָרן
און מיט „מערצעשעמס" באַפוצן אירע מאָרגנס.
און מורא האָבן פלעגט זי און זיך זאָרגן —
מיט זאָרג די הינטער־טיר און בייזעמער באַוואָרנט...

אונדזער באָבע קאָן נישט שרייבן און נישט לייענען;
ביי ערדענעם געפעס אַ לעבן אָפגעפאָרעט.
ס'האָט איר קופערט נישט געזען קיין ליבעס־בריוו פון קיינעם —
שטיל און פרי, אָן טענות, איז זי אַלט געוואָרן.
זי פלעגט אַמאָל דעם סידור שטומערהייט באַוויינען. — — — —
פון דעם געוויין, דעם שטומען, כ'האָב געלערנט צאָרן.

1935

# מיין זיידנס קאַפּאָטע

ווי קומסטו אין זוניקן לאַנד, אין קירגיזיע,
מיין פּיין און דערמאָנונג, מיין פינצטערע וויזיע?

איך האָב זי דערזען אויף אַ פּלאַץ אין אַ מאַרקטטאָג,
ווען סוחרישע הענט האָט געכאַפּט און געוואָרגט זי — — — —
די פּאָלעס צעכראַסטעט, די אַרבל צענומען —
אַ פויגל, אַ שוואַרצער, אין מיט פּונעם טומל.

— ווער האָט דיך געבראַכט, וועלכע וועגן און שטחים,
צו בענטשן מיין קאָפּ מיט דיין בלוטיקער ברכה?

— ליב מיך מיטן גאַסט, מיין קירגיזישער חבר —
אַ זיידע פּונוויטנס, אַ ניגון פאַרהאַוונט.
אַ ניגון פאַרהאַוונט? — אָן תפילה דער ניגון, —
אין טויט־לאַנד צו טויט פלעגט ער וויגעלעך וויגן.

איך האָב צו הבדלה האָס ליכטל געטראָגן —
איך וועל דעם המבדיל אַליין איצט שוין זאָגן.

פון הימישער ווייט ביז קירגיזישע ברייטן
שאָטנט מיין פויגל מיט פליגלען צעשפּרייטע.
אויף ים און אויף ערדן, אין מחבר, אין לענדער
האָט ער אַן אָנהייב געזוכט נאָך זיין ענדע.

און איך, כ'האָב געשוווירן מיט פרייד און מיט טרערן
אַ המשך פון בלוט, פון געביין זייטס צו ווערן.

1946

# 1941

איך האָב דיך אָנגעגרייט פֿון לאַנג.
אין נעכט צעריסענע און גרויסע
האָט מיין געפֿיל, ווי אַ געדאַנק,
דיך דרייסט אַרויסגעפֿירט אין דרויסן.

איך האָב פֿאַרשטאַנען קאַלט און ניכטער,
אַז וועג פֿאַרקערעוועט זיך צום אומענד.
פֿון טעג, וואָס רופֿן זיך ג ע ש י כ ט ע,
קאָן זיין, וועסט מער אַהיים נישט קומען.

כ'האָב דיך געהאַלדזט מיט ווערטער טרייע
און שטיל געשלונגען אַ געוויין.
אַ, נאַכט, טו ווי און גלעט מיט פֿייער!
נאָר טויט קאָן זיין, ווי לעבן, שיין.

ווען מענטש שטורעמט אָן זיך צום דערלאַנגען,
און פֿינצטערניש פֿאַרשטעלט זיין גאַנג,
זאָל ערד זיך שפּאַלטן פֿון געראַנגל,
איבער קערפּער מיינעם שטייג, דערלאַנג!

אַזוי האָב איך געגרייט אונדז ביידן
צום שלאַכט, וואָס רייפֿט, צום טאָג, וואָס גייט.
דו, טייערע, דו ביסט אַן עדות —
איך בין צום קאַמף, צו זיגן גרייט!

# פאַרבלייב געזונט מיין ראַטנלאַנד

נישט פרעמד-ערד ביסט געווען פאַר מיר,
כאָטש נישט געקענט איך האָב דיין שפראַך און דיינע זיטן.
איך האָב געבראַכט צו דיר מיין האַרץ מיין אַנגעליטנס,
אַז דו זאָלסט היילן עס. אויב נישט — מיט ערד פאַרשיטן.
מיט וויי און ווינד כ'האָב אָנגעקלאַפט אין טיר.

פון ערשטן טאָג ביסטו מיר ליב געוואָרן.
און היימלאַנד איז געוואָרן מיר אָן אייגן וואָרט.
עס האָט דיין ערד געמאַכט פאַר מיר אָן אָרט,
כאָטש וואַקס אַריין אין איר, פאַרפלאַנץ אַ דור,
און שאַף, געבויר אויפסניי, וואָס האָסט פאַרלאָרן.

ווי ליב איז מיר פון שטרענגן גאַנג דער אָטעם!
ביי פלאַמען-שיין באַקוקט כ'האָב דיין געשטאַלט.
כ'האָב דיך געזען זיך ראַנגלען מיט מיין פיינט,
געזען דיין אויסגעשטרעקטע האַנט
מיט פאַקלען, אויפגעהויבן איבער שאָטנס.

איצט, ווען כ'גיי צום וועג פון טויזנט שלאַכטן,
און טויזנט זיגן וואַרטן אויף מיין מי —
אין זיך איך הער דיין אַדלערישן פלי,
אין זיך איך פייער איין דיין גלי —
זיי זאָלן מיר דעם וועג באַוואַכן.

פאַרבלייב געזונט, מיין ראַטן-לאַנד!
איך גיי אַוועק — נאָך אייגענער דו ווערסט מיר.
ס'קלינגען מיט צוריקקום דיינע ווערטן.
און ס'הייבט צו שבועה זיך מיין האַנט:
טרייהייט אייביקע דיר, ראַטנלאַנד!

.1946

# ווי קערנער...

ווי קערנער אין טיף פון דער ערד ליגן ביינער —
זאל קיינער נישט טרעטן מיט פיס זיי, זאל קיינער.
זיי וועלן נאך אויפגיין, זיי וועלן נאך וואקסן,
זיי וועלן צו הימלישע אקסלען דערוואקסן.
זיי וועלן דערזאגן דאס ווארט, וואס אין הויכן
איז הענגען געבליבן, פארוויקלט אין רויכן.

ס'איז די ארמיי דא די רויטע געגאנגען
און האט זיי פארזייט, אירע זאנגען — געזאנגען,
און האט מיט איר שוויס אנגעפאיעט די ערד דא,
געאקערט די נאכט מיט צעקלונגענע שווערדן,
מיט לעבנס די בלייענע וואלקנס געאקערט
און ליכטיקע טרוימען געפירט אין אטאקעס..

ס'האט בלוטיקע מי נישט געמאנט קיין באלוינונג,
העלדישקייט האט נישט געקרוינט זיך מיט קרוינען
און גאלד נישט געשארט מיט פארבלוטיקטע פינגער.
זיי זענען געקומען די זיגער און זינגער
קיין מזרח און מערב, קיין צפון און דרום,
מיט פרייהייט אויף פענער, מיט פרידן אויף ארעם.

ווי קערנער אין טיף פון דער ערד ליגן ביינער.
זאל קיינער נישט טרעטן מיט פיס זיי, זאל קיינער.
און אויב ס'וועט א שטיין ווער אויף קברים א וואָרף טאָן,
און פרווון אויף שטיינער זיין מעסער א שארף טאן —

וועלן זיי אויפשטיין, אויף ביינער וועט הויט זיין,
אין אדערן — בלוט, און די הערצער — א גרייטקייט.
וועלן זיי אויפשטיין צום חשבון, צום רויטן,
מיט די, וועלכע לעבנדיק נאך, זענען טויט שוין.

1946

# איך גיי איבער גאַסן...

איך גיי איבער גאַסן אין זוניקער שעה,
איך זוך איבער גאַסן און ווייס: ביסט נישטאָ.
איז וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין פינצטערן וויסן? —
ווי גאַל אינעם זוניקן פּרצוף אַ גיס טאָן,
פאַרסמען די לופט און פאַרלעשן די שטראַלן?
אויב דו ביסט נישטאָ — זאָל אַלץ ווערן פאַרפאַלן?

איך גיי איבער גאַסן אין זוניקער שעה,
איך זוך איבער גאַסן און ווייס: ביסט נישטאָ.
נאָר כ'טשעפּע די רו נישט, און איך שרעק נישט די שטראַלן.
איך זאָג נאָר אַ בשורה מיר אָן: ס'איז פאַרפאַלן.
שטעלט מיך גאַס אָפּ אין זוניקער שעה —
ענטפער איך אָפּ: יאָ, איך לעב, איך בין דאָ.

1946.

# וועלכער ווינט...

חיהלע פרידמאַן

וועלכער ווינט האָט דיינע צעפּ צעפלאָכטן?
וועלכער וועג געקושט האָט דיינע טריט?
כ׳קען נאָר די הענט, וואָס האָבן דיך געשאָכטן.
מער ווייס איך ניט, מער ווייס איך ניט.

וועלכער וואָלקן פון די טויזנטער, וואָס הענגען
איז געווען אַ וויג פאַר דיין אויג
און געווישט פון שטערן שטראָמענגען
דעם לעצטן געדאַנקען־געפלויג? —

וועלכער טאָל האָט דיין דורשטיקן קערפּער
פאַרטרויט דעם סוד פון פאַרגיין? —
כ׳וויל זיין אויף דיין קבר אַ ווערבע,
כ׳וויל זיין — צאַרן פון דיין געוויין.

.1945

# אַ תּפֿילה צו זיך

זיין אַזוי שטאַרק צו באַטרעטן די ערד,
ווו ס'בלאָנקעט פאַריתומט מיין ברודערס געביין.
און האַרץ זאָל זיין האַרץ,
מיט קיין שנאה באַשווערט.
געדאַנק זאָל געדאַנק זיין, נישט טעמפּ צו פאַרשטיין.

זיין אַזוי שטאַרק צו באַנעמען דעם רוים,
וואָס ענג איז געווען פאַר געוואַלד און געקרעכץ,
מיט מילדקייט אין אויג,
מיט אַן אָפּשיין פון טרוים,
ס'זאָלן נישט רייסן זיך הענט צו קיין שלעכטס.

זיין אַזוי שטאַרק צו פאַרצוימען אַ צוים
פון נעכטן ביז היינט, פון נישט ווערן ביז זיין.
נישט צו מאָנען ביי זיך,
נישט ביי יענעם קיין לוין.
זיין ווי די זון איז, וואָס שיינט, ווייל זי שיינט.

1945.

# ווענע 1943

ס׳מעג היינטיקע ווענע באַגיין זיך אַן בעז.
נישט פאַר מיר איז איר גלאַנץ און איר שמעקן.
ס׳איז מדבר אַרום.
איך פלאַקער און ברען.
איך האַנט איז אַן קנאָספּן דער שטעקן.

ווענעלער יידישע — קינדערלעך קליין,
די גרויסע געקרייציקט אויף שליאַכן
איך וועל אים דערוויינען, אייער געווין —
ווער וועט דעם געלעכטער דערלאַכן?

מייד מיך אויס, ווענע, כ׳זיין שבעה איצינד,
גיי אַנדערע שטערנס באַצירן —
כ׳טראָג אונטערן האַרצן אַ געהרגעט קינד,
זאָל פרייד נישט פרוון מיינע טירן.

## נחמו...

אין הייסע ביינאַכטן,
אין וואַכע ביינאַכטן
זאָג איך מיר: נחמו,
זאָג איך מיר: נחמו.

כ'גלעט מיינע הענט
און איך בעט ביי זיי רחמים:
רייסט נישט דעם גוף
אינעם בלוטיקן טראַכטן!

אין וואַכע ביינאַכטן,
מיט אויגן פאַרמאַכטע
זוך איך אייך, רוף איך אייך,
פאַרפייניקטע מיינע.

אין וואַכע ביינאַכטן,
זאָג מיר נישט נחמו:
איך בין דער ווייטיק,
איך בין די טענה.

.1943

## מענטשן-ליבע

נאָך איידער איך האָב אויסגעשעפּט דעם ברונעם,
נאָך איידער איך האָב אויסגעהערט דעם רוף —
ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפֿרי געקומען,
און מילדקייט אָנגעגאָסן אין מיין גוף,
נאָך איידער טרערן לעצטע זענען אויסגערונען, —
ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפֿרי געקומען.

ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפֿרי געקומען,
נאָך איידער שׂנאה האָט פֿאַרברענט מיין טראַכט,
נאָך איידער כ'האָב ס'געבעט פֿאַרנומען
פֿון שײַלאָקן — דעם שטן פֿון מיין נאַכט,
נאָך איידער כ'האָב צעטרעטן אַלע בלומען, —
ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפֿרי געקומען.

ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפֿרי געקומען,
נאָך איידער דאָרן האָט באַדעקט מיין פֿעלד,
און אָנגעצונדן מיט דיין פֿלאַם מיין ברונעם
און אָנגעצונדן אין מיין האַרץ די וועלט,
נאָך איידער לעצטע שטראַלן זענען אויסגערונען, —
ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפֿרי געקומען.

ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפֿרי געקומען
מיט וועגן אייביקע פֿון מענטש צו מענטש,
און האָסט פֿאַרזייט אין בלוט דיין שטורעם
און דאָס פֿאַרשאָלטענע אין מיר — געבענטשט.
ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפֿרי געקומען,
נאָך איידער ס'איז מיין האַרץ פֿון ווייטיק אויסגעדרונען.

1945

# איך און מיין וועסנע

ווער ביסטו, וואָס קומסט מיר מיין וועסנע צעשיסן,
מיט פֿייער און טויט איר פֿאַרשטעלן די וועגן? —
איך גיי איר מיט אָפֿענע אָרעמס אַנטקעגן,
ס׳איז מוטיק מיין גאַנג און ריין מיין געוויסן.

נישט אַליין. ביי דעם הענטל מיין טעכטערל פֿיר איך.
זי שפּאַנט מיט פֿירייעריקע טריט צו די שיינען —
ווער ביסטו, וואָס לויערסט אויף זונען נישט דיינע?
די וועסנע איז אירע, די וועסנע איז אירע.

ווער זיך, מיין קינד, עס דראָט אַ געפֿאַר דיר,
פֿריידיקער לאַך דיין צעשטראַלטן געלעכטער.
זאָל ער דיר זיין ווי אַ פֿריינד, ווי אַ וועכטער,
ווי אַ פֿייל אינעם פֿינצטערן האַרץ פֿונעם שפּאַרבער.

...איך זע עס, דאָס פּיצל, לעם גוף פֿון זיין מאַמען.
עס גלעט מיטן הענטל דעם טויט, און פֿאַרשטייט נישט
זיין אייגענעם אומגליק, זיין אייגענעם ווייטיק.
נאָר איך האָב פֿאַרשטאַנען, איך האָב פֿאַרשטאַנען...

מיט וואָס וועסטו צאָלן, אין טאָג פֿון דערוואַכונג,
פֿאַר שוידער פֿון מוטער, וואָס פֿילט ווי אין ברוסטן
גליווערט איר מילך, נאָר אין וויגל, אין פּוסטן
וועט קיינמאָל איר קינד שוין נישט וויינען, נישט לאַכן?!

*

מיין וועסנע, שווים מיר אַנטקעגן, צעצינד זיך
מיט בליונג פֿאַר מענטש און מיט אומקום פֿאַר הענקער.
מיר וועלן באַצאָלן, מיר וועלן נישט שענקען,
איך און מיין וועסנע — דעם ווייטיק פֿון קינדער.

1953.

# צו די מלחמה־אונטערצינדער

איך האָב אייך פיינט,
איך האָב אייך פיינט,
ווי קומט צו מיר אַזוי פיל שנאה?
איך בין אַ פרוי,
אַ מוטער בין איך.
כ'פאַרמאָג אַזוי פיל צאַרטע רייד.

נאָר אייך —
איך האָב אייך פיינט,
איך האָס אייך!
כ'וועל טראָגן שנאה איבער גאַסן,
ווי כ'טראָג מיין רויטע פאָן פון פרייד,
און הערצער אָנצינדן מיט שנאה —
פאַר טויט, וואָס איר האָט צוגעגרייט,
פאַר פעלדער גרינע,
מיט קברים, ווי מיט ברויט, פאַרזייט.

איך האָב אייך פיינט,
איך האָב אייך פיינט
מיט האַרץ, וואָס ווייסט פון גרויסער ליבע.
ווי אַ פאַרמעגן וועל איך די שנאה איבערגעבן
דעם צאַרטן קינד,
דעם מאַן,
וואָס וועט אַ זעלנער ווערן,
ווען האָס פאַרברענען וועט צו שווער זיין,
ווען ס'וועט צו גרויס זיין אייער זינד.

איך האָב אײַך פֿײַנט,
איך האָב אײַך פֿײַנט.
ווי אײַער בייז ווערט רײַף מײַן שׂנאה.
איך בין אַ פֿרוי,
אַ מוטער בין איך,
איך וויל מײַן קינד זאָל גליקלעך זײַן,
איך וועל די לעצטע שלאַכט געווינען.
איך בין געדריקט —
די וועלט — איז מײַן!

# אַ געשפּרעך צווישן מוטער און קינד

מײַן טעכטערל פּליסטערט: „זײַ צו מיר גוט" —
די אייגעלעך שטראַלן, אָן געלעכטער.
ביסט האַרץ פון מײַן האַרץ און בלוט פון מײַן בלוט —
ווי קאָן איך פאַר דיר זײַן אַ שלעכטע? —

נאָר ערב־געווין ציטערט אויף, און אַ טרער
אין ליכטיקע אויגן צעצינדט זיך.
„זײַ צו מיר גוט און דערמאָן זיי נישט מער,
די מענטשן, וואָס הרגענען קינדער..."

אַ ווייטיק שנײַדט דורך, ווי פײַער, מײַן גוף.
דערוואַרטונג — אין קינדערשע אויגן.
איך הער, ווי אַ פרעמדנס, מײַן אייגענעם רוף:
זיי זענען היינט ווידער געפלויגן.

פאַרניכטונג און אומגליק געברענגט און אַוועק
אין נעפּל פון פּײַן און געוויינען.
„זײַ צו מיר גוט!" הער איך ווערטער אין שרעק.
ניין, כ'קאָן נישט צוליב טאָן דיר, קליינע.

אַ קינד מיט נאַפּאַלם אין די אויגן אַנטלויפט.
וווהין? — מײַן האַרץ ווערט צעריסן.
ווי ווײַט איז געוואָרן דער וועג צו זײַן הויף...
כ'וויל, טעכטערל מײַנס, זאָלסט עס וויסן.

בעלאַיאַניסעס קינד, אפשר קלענער פון דיר,
זיצט פאַרשפּאַרט מיט זײַן מאַמע אין תּפיסה.
צו ליכט איז פאַרשלאָסן זײַן קליינטשיקע טיר...
כ'וויל, טעכטערל מײַנס, זאָלסט עס וויסן.

אַ נעגערשער טאַטע, פאַר גלאַנץ פון זײַן הויט,
ווערט אין אויגן פון קינד זײַנס געשמיסן.
דעם קאָליר פון זײַן הויט קאָן בײַטן בלויז טויט.
כ'וויל, טעכטערל מײַנס, זאָלסט עס וויסן.

„זיי צו מיר גוט, זיי צו מיר גוט!" —
זייט פֿאַרשאָלטן פֿאַר קינדערישער אימה,
מיין רחמנות צום קינד זאָל פֿאַרלעשן דאָס בלוט,
זאָל נאָפֿאַלם זיין פֿאַר איטערע היימען.

# בלומען אויף די מויערן פון סינג־סינג*)

(דעם אַנדענק פון עטל און יוליוס ראָזענבערג)

בלומען אויף די מויערן פון סינג־סינג —
אַזעלכע בלומען ווערן נישט פאַרוויאַנעט.
זיי וועלן בליען רויט ביז וואַנען
עס וועט נישט שטיין אין פלאַם סינג־סינג.

וויין נישט, קינד, דו טראַגסט צוריק די בלומען
וואָס האָבן געגרייט פאַר טאַטע־מאַמע.
אַזעלכע בלומען ווערן נישט פאַרוויאַנעט
ביז וואַנען ס׳וועט די שטראָף נישט קומען.

בלומען אויף די מויערן פון סינג־סינג —
זיי מיידן אוים די נאַכטיקע וואַך...
אַזעלכע בלומען גייען אויף מיט זיג,

אַזעלכע בלומען היטן אָפּ אין שלאַכט.
בלומען אויף מויערן פון סינג־סינג —
זיי האָבן אייך געזען אין זייער לעצטער נאַכט.

20 יוני, 1953 י.

*) די אַמעריקאַנער פאָלקס־מענטשן האָבן אָן אויפהער געלייגט בלומען אויף די מויערן, קעגנאיבער די פענצטער פון דער קאַמער אין סינג־סינג, ווו די ראָזענבערגס זענען געזעסן (פון דער פרעסע).

# אַ באַלאַדע וועגן אַ דײַטשן זעלנער

נישט קיין צלם אויף צווישטוועג מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס
אין געוויטער אײַנגעהילט, אײַנגעהילט אין שטורעם.
נישט גאָטס מוטער הייליקע האָט אַראָפּגעניִדערט.
ווער זשע זוכט אין קבר דאָ אָפּרו פֿאַר זײַן מידקייט? —
נישט באַפּוצט דאָס בערגל איז, נישט פֿאַרצוימט מיט פּלויטן.
ווער זשע ביסטו, אײַנזאַמער, ווער זשע ביסטו, טויטער? —

ווער האָט דיך געשיקט אַהער אויף נישט דײַנע ערדן?
וועלכע שונאים גרויזאַמע האָט געקעפּט דײַן שווערד דאָ?
וועלכע שונאים בלוטיקע האָבן דיר באַפֿוילן
זוכן און געפֿינען טויט אויף דער ערד פֿון פּוילן?
פֿאַר דײַן טויט, אין לעצטער רגע, וואָס האָסטו פֿאַרשטאַנען?

— — — — — — — — — — — — —

וועסט נישט אויפֿשטיין מער פֿון גרוב, נישט אַוועק פֿונדאַנען...

ווייען ווינטן אַרום גרוב, פֿאַלן צו צום בערגל,
גלעטן צו דאָס ווילדע גראָז און פֿאַרשווינדן ערגעץ.
דראַפּעט זיך אַרויף אַ שטראַל גלייכגילטיק און לעשט זיך.
קיינער האָט נישט אויסגעטראָטן צו דײַן גרוב קיין סטעזשקע.
גייען מענטשן דאָ פֿאַרבײַ — פֿרעמד איז זייער שפּראַך דיר.
קינדער שטופּן דאָ אַמאָל, יאָגן זיך און לאַכן...

ווער בלאָנדזשעט דאָרט אײַנזאַם אין שאָטן פֿון וואַלד? —
עס שיילט זיך פֿון נעפּל אַרויס אַ געשטאַלט.

אויף אַקסל אַ ביקס, אַ העלם אויפֿן קאָפּ.
ס׳איז האַסטיק זײַן טראָט. אָט שטעלט ער זיך אָפּ,

כאַפּט זיך אָן בײַ דער ברוסט און פֿאַרטײַעט אַ קרעכץ —
אַ דערשראָקענער פֿויגל דערוואַכט אין דער נעסט,

די לבנה פֿאַרגייט אים דעם וועג מיט איר ליכט,
מיט אַ פּניאַק, מיט אַ צווײַג, מיט איר מענטשלעך געזיכט

נאַר דער זעלנער גייט ווייטער זיין נאַכטיקן וועג.
און אַט איז אַ טייך, אַ שיפל ביים ברעג.

אַ פּליוסק — און די וועסלע פאַרזינקט אין דער טיף...
אַ וויילע — און ס׳טראָגן די כוואַליעס זיין שיף.

די אַנדערע ברויזט אויף מיט כעס און געבורים,
שלײַדערט דאָס שיפל — אַט קערט זי עס אום

און דערטרינקט און דערטרינקט אים, דעם זעלנער אין העלם,
נאָר ס׳הערט זיך אַ קול: „לאָז מיך, לאָז מיך אַ היים,

מיין לייב ווערט ציטעריש, צעפוילט ווערט די הויט —
כ׳האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען מיין אייגענעם טויט.

האָט ווער מען באַפרייט און באַגליקט אויף מיין ערד
מיין פינצטערער אומקום, דאָס בלוט אויף מיין שווערד?

לאָז מיך אַ היים, כ׳וועל זיך אומקערן באַלד,
נאָך איידער די נאַכט וועט אַנטרינען פון וואַלד,

נאָך איידער אַ פויגל וועט אויסשרייען טאָג" —
אַזוי האָט דער זעלנער אין שיפל געזאָגט.

די אַנדערע ווערט שטיל, אירע וואַסערן — לויטער,
צום ברעג פון זיין לאַנד שווימט אַ זעלנער אַ טויטער.

*

ווער שפּאַנט צווישן חורבות פון הייזער ביינאַכט? —
אַ שטרענגע לבנה דעם זעלנער באַוואַכט.

ער גייט ווי אין חלום. פאַרטשעפּעט זיך, פאַלט,
אויף חורבע וועגט גייט אים נאָך זיין געשטאַלט

אין ביקס און אין העלם — דער זעלנער ווערט בלאַס.
אַט באַלד וועט דער שאָטן פאַרשלינגען די גאַס.

די ביקס וועט פון אַקסל אַראָפּ און אַ בראַנד
וועט אַרומכאַפּן ווידער די ערד פון זיין לאַנד.

דער זעלנער כאַפּט האַסטיק זיך אָן ביי דער ברוסט.
הערט זיך איין — די גאַס איז פאַרשלאָפן און פּוסט,

דער שאָטן ווערט קירצער און שרעקט שוין נישט מער.
עס קייקלט אַראָפּ זיך אָן איינזאַמע טרער,

פאַלט אַראָפּ אויפן ברוק און צעגייט אינעם שטויב.
אַ ווײַלע — דער זעלנער קלאַפּט אָן אין אַ שויב.

אַ טיר עפנט אויף זיך אָן שלאָס און אָן שליסל,
ווי ס׳וואָלט זי אַ נאַכטיקער ווינט אויפגעריסן.

„פון זינט ביסט אַוועק שטייט זי אָפן, די טיר,
ביי טאָג, סיי ביי נאַכט — מיר וואַרטן אויף דיר", —

שטאַמלט אַ פרוי. — „נישט געריהרט דיין געלעגער.
די איינענע שעה ווייזט נאָך אַלץ אונדזער זייגער..."

דער זון האַלדזט דעם פאָטער. נאָר פּלוצעם ער שרייט:
„די איינענע שעה — נישט די איינענע צייט!

מיין פאָטער, דיין טויט האָט געהאַרפּט זיי באַגליקן,
די מערדער, וואָס האָבן אויף אומקום געשיקט דיך.

איצט קומען זיי ווידער, די הערשער פון נעכטן
דאָס לאַנד צו פאַרטרינקען אין בלוט, אין פאַרברעכן,

לעם קבר פון פאָטער זאָל ליגן זיין קינד..."
דאָס ליכט אינעם שטיבל ווערט דינער, צערינט,

געוויין פון אַ פרוי הייבט אויף זיך פון ווינקל.
פלאַמיקער קלינגען די רייד פון יונגל:

„נאָר כ׳שווער ביי דיין אומקום, מיין פאָטער, איך שווער דיר,
דיין זון וועט נישט ווערן קיין קנעכט פון די מערדער.

און אויב ס׳איז אויף שלאַכט־פּעלד מיר קעמפן באַשערט,
וועט זי דערקענען דעם שונא, מיין שווערד".

*

אַ מידע לבנה באַוואַכט שטיל דאָס הייזל,
רוקט איבער אויף שטאָטישן זייגער די ווייזערס...

אין פענצטער קלאַפּט אָן אַ פאַרטאָגיקער ווינט.
שטערן פאַרגייען. דער זעלנער פאַרשווינדט.

די אַדרע איז שטיל. אירע וואַסערן — לויטער.
צו עלנטער רו שווימט אַ זעלנער, אַ טויטער.

# אַ וויג־ליד

שלאָף, מיין קינד —
איך קאָן נישט שלאָפֿן,
ווייל דער שונא איז באַוואָפֿנט,
לויערט אויף דיין רו.

מיט מיין גוף כ'פֿאַרשטעל דיין וויגל,
כ'האָב פֿאַרריגלט אַלע ריגלען,
נאָר ס'איז נישט גענוג.
נאָר ס'איז נישט גענוג.

שלאָף, מיין קינד —
ס'איז וואַך די מאַמע,
מיטן גאַנצן לאַנד צוזאַמען
וואַכט דיין טאַטע אין פֿאַבריק.

כ'וועל צעפֿראַלן טיר און טויער,
זאָל דאָס הייסע ליד פֿון בויער
אָפּהיטן דיין רו.
אָפּהיטן דיין רו.

שלאָף, מיין קינד —
כ'זיץ לעם דיין בעטל,
און פֿון וואַנט קוקט מילד און גלעט דיך
סטאַלין — ווייסט, ווער סטאַלין איז?

ער וועט זאָרגן, אַז אונדזביידן
זאָל דער שונא נישט צעשיידן,
ס'זאָל דיין שלאָף זיין זיס,
ס'זאָל דיין שלאָף זיין זיס.

נאָוועמבער 1950

## גיב מיר דיין האַנט...

גיב מיר דיין האַנט.
איך וויל פילן דיין האַנט.
כ׳האָב איצט מורא צו לעבן.
איך האָב אַזוי מורא.
שלעכטס האָט בונט זיך צעבליט אין מיין לאַנד
מיט פאַלשע, מיט גרויזאַמע תורות.

גיב מיר דיין האַנט.
איך וויל פילן דיין האַנט.
שטראָף מיך ווייטער מיט שטרענגע און וואַרעמע ווערטער.
רוף צו אָרדענונג מיין יונגן און חריסטן פאַרשטאַנד,
פאַר נישט גוטע געדאַנקען, פאַרווערטע.

גיב מיר דיין האַנט.
כ׳וויל זאָלסט פילן מיין האַנט —
זי איז ווייך, נאָר ווי דיינע, געטריי איז.
אויפן רוף פון מיין פאָן — פון געפייניקטן לאַנד,
וועט מיין האַרץ, פונקט ווי דיינס, שטיין אין רייען.

גיב מיר דיין האַנט.
זאָג מיר נאָכאַמאָל צו,
אַז מיין לעבן — מע וועט עס נאָך דאַרפן.
ווי מע נעמט אין אַ סם, וועל איך איינעמען רו,
כ׳וועל די שנאה אין אַפוואַרטונג שאַרפן.

1938

# אויב דו דאַרפסט זיין...

אויב דו דאַרפסט זיין נאָך אַ קנייטש אויף מיין שטערן,
נאָך אַ שאָטן אין מיינע פאַרשאָטנטע שעהן —
גיי! און חשבון נישט וועמען פון אונדז ס׳וועט זיין שווערער,
און צייל נישט ביי וועמען די האָר זענען גרויע

ס׳האָט דאָס לעבן אין שטרענגקייט געקנייטשט מיינע ברעמען,
כ׳האָב ווייכקייט אין טרוים נישט געזען — כ׳האָב געגאַרט נאָר.
פון דיר קיין באַליידיקונג וועל איך נישט נעמען,
פון דיר כ׳וויל נישט נעמען קיין האַרטקייט.

גיי. כ׳וועל דיר נאָכקוקן לאַנג, אפשר יאָרן.
נאָר דו וועסט מיין רופן נישט הערן.
אויב כ׳האָב נישט באַוויזן קיין גליק אָפּצושפּאָרן,
וועסטו זיי נישט זען, מיינע טרערן.

1939

# דו האָסט מיר געגעבן פון פורטקע דעם שליסל...

דו האָסט מיר געגעבן פון פורטקע דעם שליסל
און ביסט אַוועק.
אָ, ווען איך קאָן מיט דעם שליסל פאַרשליסן
די ווייטקייט פון וועג.

איך זוך, ווי אַ הונט, דיינע טריט אין מיין שטיבל
אין נאַכטיקער שיין.
אַלץ, וואָס פון דיר ס'איז אין צימער פאַרבליבן
איז מיין.

שטרענגקייט און דרייער פון מענטשלעכער ליבע,
צאַרטער באַריר,
הייסע געדאַנקען זענען געבליבן,
לעבן אין מיר.

אַ וואָרט איבער קינדערשן בעטל געפליסטערט, —
אַ קלאַנג.
אַזויפיל מוז קלעקן מיר איצטער
אויף לאַנג.

אין אונדזערע יאָרן איז שיידן זיך שווערער —
נישט ווייט שוין דער ברעג.
נאָר וו זאָלסט נישט זיין, וועל איך זען דיך און הערן —
מיר האָבן איין וועג.

און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, טייערער מיינער.
דער קאָמפּאַס אין שטורמישן גאַנג.
די אייגענע זון זאָל מיין לעבן באַשיינען,
וואָס שיינט אין מיין לאַנד.

1953.

# ליבע־ליד

דו מאָנסט ביי מיר אַ ליבע־ליד
וועגן הענט פון ליבע מיד,
וועגן אויגן — אויסעט מידע?...
ליבע־לידער, ליבע־לידער — — —

ווייל איך האָב געליבט צו שטאַרק,
ווייל איך האָב ליב געהאַט די ליבע,
האָב איך וועגן האַס געשריבן
און פאַר דיר געווען צו קאַרג. — — —

1950

# קינדער

קינדערלעך באַשריבענע אין ביכער פאַר די גרויסע,
מיט ליגנס אָפּגעוואַשענע פון פלעקן;
מיט אָן אַ שיעור „מעטאַרנישן",
מיט אָן אַ שיעור „אַרועקן" —
זיי האָבן אייך באַפּוצטערהייט אַרויסגעפירט אין דרויסן.

קינדערלעך צעכליפּעטע, ביי אויערן געריסענע,
געצװאָגענע פון גיכע און פאַרהאָרעװעטע הענט —
איר װאָלט זיך נישט דערזען דאָ,
איר װאָלט זיך נישט דערקענט —
איר, צוגעקלעפּטע געזעלעך צו אויסשטעל־פענצטער זיסע.

קינדערלעך געקריוודעטע דורך ביטערע יאַרידן,
מיט הענטלעך אָנגעשװאָלענע פון מאָנטיקן פון בייזע,
מיט אויגן אויפגעהאָנגענע אויף ריטער פון די בעזעמער, —
זיי האָבן אייך געהייסן איר זאָלט זיין צופרידענע.

קינדער נישט פאַרצויגענע — אויף בייקעלעך און עטעלער,
מיט אמתן מיט גרויזאַמע פון טאַטעס און פון מאַמעס —
זיי האָבן עס אייך אויסגעפּוצט אין ליגנס און אין גראַמען,
די אויסגעצירטעלטע, פאַרצויגענע פּאָעטן.

1935

# וואָס שפּיצסטו אָן די אויערלעך...

וואָס שפּיצסטו אָן די אויערלעך,
וואָס שפּיצסטו אָן די אויגן?

דער הימל שמעקט מיט בלויען רויך,
אין לופט — געשריי פון פייגל.

פאַרנאַכט אַרום, און רו אַרום,
און לויטערקייטן פליסן.

איז לאָמיר ביידע זיין היינט פרום,
נישט טראַכט פון בלוט פאַרגיסן.

אַ רגע בלויז איך קוק זיך איין —
דער אָוונט שטייגט אַלץ העכער...

מיין קעצל שיכורט רויטן וויין —
דעם פויגלס האַלדז — אַ בעכער.

# מײַן קעצעלע

מײַן קעצעלע מיר קוקט אין די אויגן אַרײַן
און זעט אין שוואַרצאַפּלען ווי שפּרענקעלעך שײַן;

רירן זיך, אײַלן זיך, קרײַזן אַ קרײַז.
פּאַלט אײַן דעם קעצישן מוחלע: מײַז!

פֿלינק און געלערנט — אַ פּאַך מיט דער לאַפּקע,
די אויגן אַ כאַפּ טאָן, אַ כאַפּ טאָן, — אַ דראַפּ טאָן!

נעם איך דאָס קעצל צו זיך אויף דער שויס —
קעצעלע, קעצעלע, כ׳בין נישט קיין מויז.

# אַ פֿייגעלע

נישט געשטויגן,
נישט געפֿלויגן,
ס'איז ציף־ציף אַדורכגעפֿלויגן.
אַזאַ פֿייגעלע — ציף־ציף.

כ'האָב אַ וואָרף געטאָן אַ בריזן —
זאָל עס זאַט זיין, אַט דאָס ברויזל —
אַלץ וואָס לעבט, איז אַזוי ליב.

נאָר מיין האַנט־דריד איז צו האַסטיק,
אָדער גלאַט ס'האָט נישט געפּאַסט דעם —
שפּרונג און שפּרונג — אַ פֿלי — און שוין.

כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע —
אין די לופֿטיקע אומוועגן
האָט געהוידעט זיך אַ שוים.

# לבנה־שיין

כ'האָב דעם הימל, ווי אַ טישטעכל,
אויסגעהאַפטן מיט מײַן טרוים.
ווײַסער וואָלקן, וואָס פאַרווישסטו אים
מיט דײַן טיכעלע פון שוים? —

ס'איז מײַן גאָרטן, ווי אַ מעשהלע,
אויסגעצויבערט און באַפליגלט.
די לבנה האָט געוויגט אים היינט
מיט איר אויסגעטראַכטן ניגון.

גראָז גייט אויף, מיט דינע צינגעלעך
שיפט אין לופט זיך, שטיפט מיט ווינט.
ס'קאָן די וועלט חען זײַן נאָך יינגער? —
ס'איז די וועלט מיר, ווי אַ קינד.

דראַפּעט זיך אויף העלע ליטערלעך,
ווי לבנה — מײַן געמיט.
צו די שוועסטערלעך אין די ברייטן דאָרט,
צו די ליִדער דאָרט — מײַן ליד.

# אין וואַלד

סאָסנעס הויכע, דיקע, דינע...
שפּיצן — גרינע.
נאָר די שטאַמען ביז אַראָפּ —
לאַטע אויף אַ לאַטע,
געלעוואַטע.

סאָסנעס הונדערט, טויזנט —
אַ מענגע!
גלייכע, הויכע —
עפּעס מאָדנע שטרענגע,
אַנטשלאָסענע און גרייטע,
ווי זיי וואָלטן זיך פּאַרמאָסטן
איינע מיט די צווייטע.

און ווען די זון פּאַרגייט — — —
דער וואַלד ווערט שטום,
אין וואַלד ווערט ענג.
צי זענען דאָס ביימער,
צי הילצערנע שלענג?

דורך נאַקעטע שטאַמען
קייקלען זיך פלאַמען.
נידעריק, נידעריק דראַפּעט זיך, קריכט
אַן אַנשטראַליקע זון מיט צעהיצטן געזיכט.

אין וואַלד ווערט אַלץ ענגער.
דו זעסט ווי ער רוקט זיך,
ער רוקט זיך פּאַמעלעך,
קיין צווייגעלע וויגט זיך.
אין וואַלד ווערט אַלץ ענגער —
ער קאָרטשעט זיך איין.
צעהאָרפּענע, לעשן זיך פּאַמעלעך שיין.

# ווּעסנע

אַט קומט זי ווידער אָן —
אַ באָרוועסע, צעשויבערטע און לייכטע.
און ס׳ווערט אין לופטן אַ געקוויל און אַ געפּיפּס.
די ערד צעפּיקעט זיך פון מילדקייט און פון פייכטקייט,
און שפּריצט מיט גרינס,
מיט יונג־גרינס שפּריצט.

אַט קומט זי ווידער אָן די גאָלדענע, מיט גלעקלעך,
און רוימט מיר איין אַ סוד, און סודעט זיך מיט בוים,
וואָס האָרף צום ערשטן מאָל פאַרכלינען זיך מיט בליעכץ,
און חוזקט אָפּ פון טרוים,
און שלייערט זיך אין טרוים.

אַט קומט זי ווידער אָן מיט שטיפעריי און חנדלעך,
מיט בעכערס אין די הענט, געבלימלט און געגראָזט.
און דו, דו האָסט געמיינט דאָך,
אַז וועסנע וועט נישט זיין מער — וואָס?

ווען כ׳וויים, אַז דאָס האָרף זיין מיין לעצטע וועסנע,
דאָס אויג וועט מער נישט טוקן זיך אין גרינס —
געפּעלסטו מיר אַזוי, מיין חנעוודיקע, שענסטע,
געבענטשט זאָל זיין דיין שטראַלנדיקער פּלים.

# איך און די נאַטור

איך שעם זיך אַרויסגיין אין פעלד
מיט שטאָטישן טראָט מיטן גיכן
צו גרינער און זשיקער וועלט —
און אונטערן אָרעם — אַ ביכל.

איך שעם זיך באַקנאַפּלטערהייט
צו גיין איבער סטעזשקעלעך — שרינטן,
אַז כ׳האָב דער אַרומיקער פרייד
געגעבן צושטייער בלויז ווינטן.

איך שעם זיך, וואָס ערד איז מיר פרעמד,
און וואָס נאָדנע די ערדישע רו איז.
כאָטש מיין קאָפּ, לויט דער מאָדע געקעמט,
פאַרנייגט זיך פאַר גאָלד פון די תבואות!

איך שעם זיך צו ליגן אין גראָז
מיט אויגן פון שטח צעריסן
און ווייט זיין אָן אַ שיעור, אָן מאָס
פון דער ערד, וואָס שפּרייט זיך צופוסנס.

1934

# אַ פֿאַרנאַכט אין קריניץ

וויקלט רחבות זיך איין אין קאָלירן,
וועלדער שווימען אַוועק אין דער ווייט,
גרינער סאַמעט, פֿאַרנעפּלטער, רירט זיך,
מעסט מיט באַוועגונג די צייט. — — —

פֿאַלט אַ בערגל אַריין אין אַ טאָל דאָרט,
דראַפּעט ווידער אַרויף זיך און ווערט.
צעלויפֿט זיך מיט סטעזשקעלעך שמאָלע,
פֿאַרשווינדט אין די לענגען פֿון ערד — — — —

פֿאַרנאַכטיקער אומרו ווערט טיפֿער.
דורשטיק שטרעקן זיך אָרעמס צום ראַנד.
צו די זוניקע, גאָלדענע שיפֿן,
וואָס באַוואַכן דעם טאָג פֿון מיין לאַנד — — — —

1951

# ליבע

זיי מיר באַגריסט, זיי מיר געבענטשט
ליבע פון מענטש צו מענטש.

וואָס איז מיר גליק שטילינקערהייט,
אויב ס'איז נישטאָ דער מענטש צו מיין פרייד?

וואָס איז צו גרויס, וואָס איז צו פיל,
אויב ס'איז נישטאָ קיין מענטשלעך געפיל.

וואָס איז צו פיל, וואָס איז צו שווער,
אויב ס'איז די ליבע מיר אַ געווער.

זיי מיר מיין קראַפט, זיי מיר אַ פלאַם —
וועל איך באַזיגן דעם שטאָלענעם ים.

זיי מיר מיין וואָר, זיי מיר אַ טרוים —
וועל איך דעריאָגן דעם אָדלער אין רוים.

זיי מיר ווי לופט, זיי מיר ווי ברויט —
וועל איך פאַריאָגן דעם שאָטן פון טויט.

זיי מיר באַגריסט, זיי מיר געבענטשט —
ליבע פון מענטש צו מענטש.

דאָס איז מיין גליק, דאָס איז מיין קראַפט —
שנאה צום מענטש, וואָס מענטשן פאַרשקלאַפט.

דאָס איז מיין גליק — שטאַרקן דעם מוט
פון קעמפער אין שלאַכט מיט אייגענעם בלוט.

דאָס איז מיין גליק — הייסער באַגער.
פרייד צו דערזען, ווו געגליט ס'האָט אַ טרער.

זיי מיר באַגריסט, זיי מיר געבענטשט —
ליבע פון מענטש צו מענטש.

* * *

כ'אָטעם איין יעדן קלאַנג
פון מיין פלאַמיקן הײַנט,
און נעם אויף
און פאַרשטיי
יעדן טראָט פון זיין גאַנג,
און גיי מיט,
און גיי מיט,
מיט אַ פרייד, וואָס איז אונדז נאָר געגעבן.

חבר, שטרענג אָן דיין בליק,
עפן ברייט אויף דאָס האַרץ
און באַנעם,
און דערזע,
און דערפיל אונדזער גליק,
און פאַרשטיי ביזן סוף, אַז ס'איז דיינס —
דו האָסט עס באַשאַפן מיט לעבן.

צעזינג זיך, צעקלינג זיך,
מי, באַפרייטע פון פיין,
און פאַרפלייץ אונדזער הײמלאַנד מיט בויאונג.
נאָך מער פרייד,
נאָך מער קראַפט,
נאָך מער לויטערע שיין —
ס'האָט אַ דור אונדז זיין צוקונפט פאַרטרויט דאָך.

ווי גוט ס'איז צו שפּאַנען אין פאָדערשטער ריי,
דעם אָטעם פון מאָרגן צו פילן
און שטערונגען ברעכן,
צעשמעטערן ווי
מיט פלאַמיקן האַרץ
און מיט אייזערנעם ווילן!

כ׳אָטעם איין יעדן קלאַנג
פֿון מיין פֿלאַמיקן היינט,
און נעם אויף
און פֿאַרשטיי
יעדן טראָט פֿון זיין גאַנג,
און גיי מיט,
און גיי מיט,
מיט אַ פֿרייד, וואָס איז אונדז נאָר געגעבן.

# דער זעלנער אין גרויען שינעל

ספּיקער, פֿאַמעלעך. נײַן, ספּיקער, רעד גיכער.
דאָס האַרץ וויל נישט אויסהאַלטן מער.

פֿון גלעזערנעם שאַנק קוקן שטרענג זײַנע ביכער,
פֿון וואַנט שמייכלען אויגן אַראָפּ. דאָס איז ער.

צו ווייניק זיך אפֿשר געפֿרייט, נישט באַנומען
דאָס גליק אין איין צײַט מיט אים זײַן.

איצט שטייט אין זײַן הויפּטשטאָט אַן אָרון אין בלומען —
ווער קאָן זי באַנעמען, די פּײַן? —

און ווו ס'איז אַ קעמפֿער פֿאַר פֿרײַהייט פֿאַראַנען
האַלט וואַך בײַ דעם אָרון אין רויטס,

ווער סטאַלינס אַ וואָרט האָט געהערט און פֿאַרשטאַנען,
וועט האַלטן די וואַך ביזן טויט.

דאָס מענטשלעכע האַרץ איז געוואָרן אַנטשוויגן.
דעם פֿירערס — רופֿט ווײַטער פֿאָרויס.
באַלײַכט אונדז דעם וועג צו אַנטשיידענע זיגן
מיט פֿײַער, וואָס לעשט זיך נישט אויס.

און ווען ס'וועט באַשערט זײַן די שלאַכט אויפֿצונעמען
פֿאַר לעבן, ס'זאָל שײַנען אונדז העל —
מיר וועלן אין רייען, אין ערשטע, דערקענען
דעם זעלנער אין גרויען שינעל.

# מײן גאַס איז אין פֿענער.

מײן גאַס איז אין פֿענער, אין פֿענער, אין פֿענער.
יעדער טויער — אַ פֿאָן. יעדער טויער — אַ פֿאָן.
נעם איך אַרום יעדע פֿאָן פֿון די פֿענער
און ריר זי מיט צערטלעכקייט אָן.

פֿאָן פֿון מײנע טרוימען!
רויטע פֿאָן — מײן זיג און גליק.
כ׳וויל דיך זען פֿלאַטערן אין רוימען,
כ׳וויל דיך זען פֿלאַמענדיק אין זיג!

כ׳טראָג טיף אין האַרץ דעם קלאַנג פֿון נעכטן,
דעם ווייטיק און געשריי פֿון ברוקן,
ווען ס׳האָבן העענט, צעגליט און שטעכיק,
געצייכנט רויטע פֿענער אויף מײן רוקן.

דו הערסט, ווי ווייטן רופֿן, ווייטן שרייען? —
איך קלאַמער זיך אין דיר מיט ליבע אָן.
צוזאַמען גייען מיר, מיר בײדע, יונגע, פֿרייע,
און איבער אונדז די פֿאָן,
אונדזער רויטע פֿאָן!

---

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| פון וואַנען קומט די פרייד צו מיר... | 3 |
| צו מיינע ביכער | 4 |
| רעוויזיע | 5 |
| קראַטעס | 6 |
| אַ חלום | 7 |
| אַ זעונג | 8 |
| אַ בריוו | 6 |
| בלומען אויף מיין גאַניק | 10 |
| אַ ליד | 11 |
| איך און די לבנה | 12 |
| מיר וועלן נאָך קומען | 13 |
| מיין שבועה | 14 |
| אונדזער באָבע | 15 |
| מיין זיידנס קאַפּאָטע | 16 |
| 1941 | 17 |
| פאַרבלייב געזונט מיין ראַטנלאַנד | 18 |
| ווי קערנער... | 19 |
| איך גיי איבער גאַסן... | 20 |
| וועלכער ווינט... | 21 |
| אַ תפילה צו זיך | 22 |
| וועסנע 1943 | 23 |
| נחמו... | 24 |
| מענטשן-ליבע | 25 |
| איך און מיין וועסנע | 26 |
| צו די מלחמה-אונטערצינדער | 27 |
| אַ געשפּרעך צווישן מוטער און קינד | 29 |
| בלומען אויף די מויערן פון סינג-סינג | 31 |
| די באַלאַדע וועגן אַ דייטשן זעלנער | 32 |
| אַ וויג-ליד | 36 |
| גיב מיר דיין האַנט... | 37 |
| אויב דו דאַרפסט זיין... | 38 |
| דו האָסט מיר געגעבן פון פורטקע דעם שליסל... | 39 |
| ליבע-ליד | 40 |
| קינדער | 41 |
| וואָס שפּיצטו אָן די אויערלעך... | 42 |
| מיין קעצעלע | 43 |
| אַ פייגעלע | 44 |
| לבנה-שיין | 45 |
| אין וואַלד | 46 |
| וועסנע | 47 |
| איך און די נאַטור | 48 |
| אַ פאַרנאַכט אין קריניץ | 49 |
| ליבע | 50 |
| * * * | 51 |
| דער זעלנער אין גרויען שינעל | 53 |
| מיין גאַס איז אין פייער | 54 |